# אנייע תחנה

# הזכרת נשמות

## דֶערִינֶען אִיז דָא דְרַייא תְּחִנּוֹת

א) וָואס מֶען זָאל זָאגִין צוּ הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת פִיר מָאל אִין יָאהְר, יוֹם כִּפּוּר, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, אוּנ דֶעם אַנְדֶערִין טָאג פוּן שָׁבוּעוֹת:

ב) וָואס מֶען זָאל זָאגִין וֶוען מֶען הָאט יָאהְר צַייט:

ג) וָואס אַכַּלָּה אִיתוֹמָה זָאל זָאגִין אִין דֶעם טָאג פוּן אִיהְר חוּפָּה נָאךְ מִנְחָה דַאווְנֶען:

דֶער צוּ הָאבִּין מִיר גְשְׁטֶעלְט יִזְכּוֹר אוּנ אֵל מָלֵא רַחֲמִים בֵּיידֶע נוּסְחָאוֹת וִוי מֶען זָאל זָאגִין אוֹיף אַזָכָר, אוּנ וִוי מֶען זָאל זָאגִין אוֹיף אַנְקֵבָה, אוֹיךְ אַב הָרַחֲמִים, אוּנ אַלְם אוֹיף עִבְרִי דַייטְשׁ:

דִיא תְּחִנָּה אִיז גִינוּמֶען פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים:

ממנ"י


# ווארשא

שנת תרל"ז לפ"ק


ТЕХИНА ГАЗКОРАТЪ НЕШАМОТЪ

т. е. Молитва по умершихъ.

Составлена Н. Маскилейсономъ.


Новое изданіе съ Варшавскаго изданія 1873 года.

ВАРШАВА. 1876.


28

Дозволено Цензурою.
Варшава 16 (28) Апрѣля 1877 г.

въ Типографіи И. Гольдмана,
Мурановская № 24.

# א

## וָואס מֶען זָאל זָאגִין צוּ הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת :

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער פוּן דֶער וֶועלְט וָואס דוּ בִּיסְט דֶער בַּשֶׁעפֶר פוּן מֶענְשֶׁן אוּנ הָאסְט אִים בַּשַׁאפִין אַגוּף מִיט אַנְשָׁמָה , דֶער גוּף אִיז עָפָר מִן הָאֲדָמָה עֶרְד פוּן דֶער עֶרְד אוּנ דִיא נְשָׁמָה אִיז גְנוּמֶן גְוָוארִין פוּן אוּנְטֶר דַיין הֵיילִיגִין כִּסֵא הַכָּבוֹד . אוּנ וֶוען דֶר מֶענְשׁ שְׁטַארְבְּט שֵׁיידִין זֵיי זִיךְ פֶערְנַאנְדֶער יֶעדֶערֶער גֵייט אַוֶועק צוּ זַיין אָרְט . דֶעם גוּף לֵייגְט מֶען אַרַיין אִין קֶבֶר אוּנ עֶר וֶוערְט צוּ פוּלְט אוּנ וֶוערְט אוּם גִיקֶערְט צוּ דֶער עֶרְד . אוּנ דִיא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פְלִיהְט אַוֶועק צוּ רִיק צוּ אִיהְר הֵיילִיגִין רוּהוּנְג צוּ אִיהְר הֵיילִיגֶן וָואהְנוּנְג פוּן וַואנֶען זִיא אִיז גְנוּמֶען גְוָוארִין . (אַשְׁרֵי הָאִישׁ) וואול אוּנ גוּט אִיז צוּ יֶענֶעם וֶועלְכֶער עֶר הָאט גוּטֶעס גִיטָאן אִין דִיא צַייט פוּן זַיין לֶעבִּין אוֹף דֶער וֶועלְט עֶר הָאט פֶערִיכְט וָואס עֶר הָאט בַּדַארְפְט עֶר הָאט עֶרְפִיהְלְט וָוס דוּ הָאסְט גִבָּאטִין אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ הָאט גִיטָאן דַיינֶע מִצְוֹת עֶר אִיז גְוֶועזִין פְרוּם צוּ גָאט אוּנ גוּט צוּ לַייטִין . יֶענֶע נְשָׁמָה קוּמְט גְלַייךְ נָאךְ דֶעם טוֹט צוּ אִיהְר עֶרְשְׁטִין אָרְט עֶס אִיז אִיהְר דִי וֶועג נִיט פֶערְשְׁטֶעלְט אוּנ נִיט פֶערְצוּמְט אוּנ זִיא וֶוערְט נִיט אָפְּגְהַאלְטֶן אוּנ גְרֵייכְט לוּיטֶער אוּנ קְלָאהְר צוּ דֶעם אָרְט וָוס אִיהְר גְצֶעהְלְט אִיז גְוֶועזִין פְרִיעֶר . דֶען דוּ שִׁיקְסְט דַיינֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זֵיי זָאלִין יֶענֶע נְשָׁמָה צוּ נֶעמֶען אוּנ בְּרֵיינְגֶען גְלַייךְ צוּ דִיר אוּנ דוּ פְרֵייסְט דִיךְ מִיט אִיהְר וִויא אַפָּאטֶר וָוס הָאט בַּקוּמֶען צוּ זֶעהֶן זַיין טַייעֶר קִינְד וָואס הָאט אִיהְם אַלַאנְגֶע צַייט נִיט גְזֶעהְן . ווייל אוּנ גוּט אִיז צוּ יֶענֶע נְשָׁמָה . צוּ אִיהְר תַּעֲנוּג אוּנ צוּ אִיהְר פֶערְגֶענִיגֶען אִיז גָאר קֵיין גְלֵייכִין נִיטָא . אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק (כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טוֹב וְלֹא יֶחֱטָא) אִיז טֵייטְשׁ עֶס אִיז גָאר אוּנְמֶעגְלִיךְ אַז אַמֶענְשׁ זָאל טָאן נָאר גוּטֶעס אוּנ קֵיין מָאל נִיט זִינְדִיגִין . אוּנ דִיא זִינְד מַאכִין נָאךְ דֶעם טוֹט אֵיין אַייזֶערְנֶע וַואנְד אוּנ אַצוּם פַאר דִיא נְשָׁמָה זַייא פֶערְשְׁטֶעלִין אִיהְר דִיא וֶועג אוּנ זִיא קֶען נִיט אַרוּף גֵיין אוּנ קוּמֶען צוּ אִיהְר רוּהֶע . אוּנ אַנְדֶערֶע מֶענְשִׁין וֶוערִין אַבְּגְנוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט אִין יוּנְגֶע יָאהְרִין אוּנ אוֹבּ זַייא וָואלְטִין אוּם לֶעבִּין זַייעֶרֶע יָאהְרִין וָואלְטִין זֵיי אֶפְשָׁר פֶערִיכְטִין וָואס זַייא הָאבִּין קַאלֶיע גְמַאכְט אָבֶּער

ווייל זיי גייען אוועק פון דר וועלט פר דער צייט אדער זיי האבין נאך ניט פעריכט וואס זיי האבין בדארפט פעריכטין . דורך דעם קענען זייערע נשמות ניט גרייכין צוריק צו קומען צו זייער ערשטין היילגין ארט אונ האבין קיין מנוחה ניט . אבער דו ביסט אגאנץ פון חסד אונ פון רחמים . דו ערוועקסט דיינע רחמנות פיר מאהל אין יאהר , יום כפור , שמיני עצרת , פסח , שבועות . צו דיינקען אונ צו דערמאנען דיא נשמות אונ מעלה זיין זיי עס זאל חלילה פון זייא קיינער ניט פערשטויסין ווערין אונ פערפאהלין ווערין אין תהום · אין דיזע פיר צייטין איז דיינע ערבארימקייט גרוס צו ברענגען יענע נשמות צו זייער היילגע רוהע צו דער הויכען אונ צו דער הויבין זיי אונ זעצין זיי צווישן דיא היילגע נשמות פון אלע צדיקים קדושים וטהורים :

על כן דרום קומען מיר איצט אין איינע פון יענע פיר צייטין צו פר דיר גאט ב״ה מיט צו ברענגענע הערצר מיט הייסע טרערין מיר וויינען אונ בעטין פון דיר אדון הנשמות הער פון אלע נשמות דוא זאלסט צו נעמען אונזער דאזיגע תפלה :

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילין פון דיר גאט ב״ה דוא זאלסט עפענען דיא טויערין פון רחמים אונ זאלסט ערוועקין היינטיגין טאג דיינע ערבארימקייט אויף דיא היילגע נשמות דוא זאלסט זייא דיזען טאג דער מאנען אונ דיינקען צו מעלה זיין זיי צו דער הויבין אונ צו דער הויכין זיי . צו געבין זייא מנוחה צווישן דיא היילגע נשמות פון צדיקים את צדקניות · בזכות דיא תפלות וואס מיר זיינען מתפלל . בזכות דיא היילגע תורה וואס מען האט גלייענט ובזכות דיא צדקה וואס מיר זיינען מתנדב · זעה אונ פערנעהם דיא גוויינען אונ דיא טרערין וואס ווערין היינטיגין טאג פאר גאסין אין אלע שולין אונ בתי מדרשים . אונ פערנעהם מיינע טרערין אויך חאטשי איך בין ניט ווערט . נאר בזכות תפלת רבים זאלסטו מיין גוויין אויך הערין. דו זאלסט געבין רוהונג צו אלע היילגע נשמות אונ צו דיא היילגע נשמה פון מיין (פלוני) וואס האט גיהייסין מיט דעם נאמען (פלוני) מיינע זינד אונ מיינע בייזע מעשים זאלסטו איצט ניט דער מאנען איך זאל ניט גורם זיין חלילה מיט מיינע שלעכטע מעשים צו ערוועקין דעם מדת הדין אויף דיא נשמות פון מיינע עלטערין וואס האבין מיך גבראכט

אויף דער וועלט · סיינע זינד זאָלין ניט זיין אַסְתִּיצָה פַאר זייערע נְשָׁמוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת זיי זאָלין ניט קענען קוּמען חָלִילָה צו זייער הייליגע מַדְרֵיגוֹת ; נייערט אונזערע גוטע מַעֲשִׂים זָאלְסְטוּ אויף זיי דערוועקין · דעם זכות פון אונזערע מִצְוֹת אונ דעם זְכוּת פון אונזער צְדָקָה וואס מיר זאגן צו צו געבן · אונ בִּפְרַט דער זְכוּת פון אונזערע קליינע קינדער זאל דער וועקט ווערן אויף דיא הייליגע נְשָׁמוֹת פון אונזערע עלטערין וואס האבין אונז געבראכט אויף דער וועלט · אַז זייערע נְשָׁמוֹת זאלין דער הויכט אונ דער הויבין ווערן · אונ בִּפְרַט זָאלְסְטוּ גאט ב״ה דער הויבין אונ אויף ברייננגען אויף אַהוֹיכֶע מַדְרֵיגָה דיא נְשָׁמָה פון מיין (פלוני) אונ דוא זאלְסְט צוּא געמען מיין גיבעט בְּרַחֲמִים אָמֵן :

## יִזְכּוֹר אויף אַפָאטֶער

# יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אַבָּא מוֹרִי (פב״פ) שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵב צְדָקָה בַּעֲדוֹ וּבִשְׂכַר זֶה תְּהֵא נַפְשׁוֹ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב. שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן. וְנֹאמַר אָמֵן:

יזכור ער זאל גידענקען גאט ב״ה דיא נְשָׁמָה פון מיין פָאטער וואס ער האט גיהייסין מיט זיין נאמען (פלוני) וואס ער איז אַוועק גגאנגען אויף זיין אייביגע וועלט. ער זאל איהם גדיינקען פאר דעם זכות וואס איך בין מנדב צְדָקָה פון זיין נְשָׁמָה וועגין פאר דעם שָׂכָר זאל זיין נְשָׁמָה זיין אן געבונדין אן דעם בונד פון אייביגין לעבין אין גן עדן מיט דיא נְשָׁמוֹת פון אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה · אונ מיט דיא נְשָׁמוֹת פון אנדערע צדיקים אונ צִדְקָנִיוֹת וואס זיינען אין גן עדן אָמֵן :

## יִזְכּוֹר אוֹיף אַמוּטֶער

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אִמִּי מוֹרָתִי (פב"פ) שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵב צְדָקָה בַּעֲדָהּ וּבִשְׂכַר זֶה תְּהֵא נַפְשָׁהּ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן. וְנֹאמַר אָמֵן:

יזכור עֶר זָאל גֶדֵיינְקֶען גָאט ב"ה דִיא נְשָׁמָה פוּן מַיין מוּטֶער וָואס זִיא הָאט גְהֵייסִין מִיט אִיהְר נָאמֶען (פלוני) וָואס זִיא אִיז אַוֶועק גְגַאנְגֶען אוֹיף אִיהְר אֵייבִּיגֶע וֶועלְט עֶר זָאל זִיא גִידֶענְקֶען פַאר דֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ בִּין מְנַדֵב צְדָקָה פוּן אִיהְר נְשָׁמָה וֶועגִין. פַאר דֶעם שְׂכַר זָאל אִיהְר נְשָׁמָה זַיין אָן גֶעבּוּנְדִין אָן דֶעם בּוּנְד פוּן אֵייבִּיגֶען לֶעבִּין אִין גַן עֵדֶן מִיט דִיא נְשָׁמוֹת פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה אוּנ מִיט דִיא נְשָׁמוֹת פוּן אַנְדֶערֶע צַדִיקִים אוּנ צִדְקָנִיּוֹת וָואס זֶענֶען אִין גַן עֵדֶן אָמֵן:

## יִזְכּוֹר אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרוֹבִים

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אָבִי וְאִמִּי. זְקֵנַי וּזְקֵנוֹתַי. דּוֹדַי וְדוֹדוֹתַי. אַחַי וְאַחְיוֹתַי. בֵּין מִצַּד אָבִי. בֵּין מִצַּד אִמִּי. שֶׁהָלְכוּ לְעוֹלָמָם. בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵב צְדָקָה בַּעֲדָם. וּבִשְׂכַר זֶה תִּהְיֶינָה נַפְשׁוֹתָם צְרוּרוֹת בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה

וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן ·
וְנֹאמַר אָמֵן :

יזכור ער זָאל גידענקען גָאט ב״ה דיא נְשָׁמָה פון מיין עֶלְטֶער פָּאטֶער אונ
דיא נְשָׁמָה פון מיין עֶלְטֶער מוטֶער · דיא נְשָׁמוֹת פון מיינֶע פֶעטֶרְס
אונ פון מיינֶע מוּמֶעס · דיא נְשָׁמוֹת פון מיינֶע בְּרידֶער אונ שְׁוֶועסְטֶר · סיי
פון סיין פָאטֶערְס צַד סיי פון מוּטֶערְס צַד · וָואס זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוֹף
זֵייעֶר אֵייבִּיגֶע וֶועלְט · ער זָאל זֵיי גידענקען פַאר דעם זְכוּת וָואס אִיךְ בִּין
מְנַדֵּב צְדָקָה פַאר זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת · פַאר דעם שְׂכַר זָאלִין זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זַיין
אָן גֶעבּוּנְדִין אָן דעם בּוּנְד פון אֵייבִּיגֶען לֶעבִּין אִין גַן עֵדֶן · מִיט דיא נְשָׁמוֹת
פון אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה אונ מִיט דיא נְשָׁמוֹת פון
אַנְדֶערֶע צדיקים אונ צִדְקָנִיּוֹת וָואס זֶענֶען אִין גַן עֵדֶן אָמֵן :

אֵל מָלֵא רַחֲמִים אוֹיף אַזָכָר

אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים · הַמְצִיא מְנוּחָה
נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה · בְּמַעֲלוֹת קְדוֹשִׁים
וּטְהוֹרִים כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים · אֶת נִשְׁמַת
(פב״פ) שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵב צְדָקָה
בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתוֹ · לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים
יַסְתִּירֵהוּ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים · וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר
הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ · יְיָ הוּא נַחֲלָתוֹ · וְיָנוּחַ בְּשָׁלוֹם
עַל מִשְׁכָּבוֹ · וְנֹאמַר אָמֵן :

אל דו גָאט וָואס דוא בִּיסְט פוּל עֶרְבַּארִימְקֵייט אונ דוא רוּהְסְט אִין דיא
הוֹיכֶע הִימְלֶען מאך גֶעפִינֶען אַיין רֶעכְטְפֶארְטִיגֶע רוּהוּנְג אוּנְטֶער דיא

פליגלען פון דיין היילגע שכינה גלייך מיט די הייליגע און ריינע נשמות וואס שיינען וויא די שיין פון הימעל צוא די נשמה פון מיין פאטער וואס הייסט מיט זיין נאמען (פלוני) וואס ער איז אוועק געגאנגען אויף זיין אייביגע וועלט. פאר דעם זכות וואס איך זאג צו צוגעבין צדקה פאר דעם דער מאנען פון זיין היילגע נשמה. אין גן עדן זאל זיין זיין רוהונג. לכן דערום וייל איך זאג צו צדקה זאל גאט וואס ער איז א בעל רחמים איהם פערבארגען אונטער זיינע פליגלען אויף אייביג און ער זאל אן בינדען זיין נשמה אן דעם בונד פון אייביגען לעבין. גאט זאל זיין זיין ארב און ער זאל רוהען מיט פריד אויף זיין געלעגער אמן:

## אֵל מָלֵא רַחֲמִים אויף אַנְקֵבָה

אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים. הַמְצִיא מְנוּחָה נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה. בְּמַעֲלוֹת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים אֶת נִשְׁמַת (פב"פ) שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵב צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתָהּ. לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֶהָ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים. וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתָהּ. יְיָ הוּא נַחֲלָתָהּ. וְתָנוּחַ בְּשָׁלוֹם עַל מִשְׁכָּבָהּ. וְנֹאמַר אָמֵן:

אל דוא גאט וואס דו ביסט פול מיט ערבארימקייט און דו רוהסט אין דיא הויכע הימלען מאך געפינען איין רעכטפארטיגע רוהונג אונטער דיא פליגלען פון דיין היילגע שכינה גלייך מיט דיא הייליגע און ריינע נשמות וואס שיינען וויא דיא שיין פון הימעל צוא דיא נשמה פון מיין מוטער וואס הייסט מיט איהר נאמען (פלוני) וואס זיא איז אוועק געגאנגען

אוף איר אייביגע וועלט. פאר דעם זכות וואס איך זאג צו צוגעבין צדקה פאר דעם דער מאנען איר היילינע נשמה. אין גן עדן זאל זיין איהר רוהונג. לכן דרום ווייל איך זאג צו צוגעבין צדקה זאל גאט וואס ער איז אבעל רחמים זיא פערבארגען אונטער זיינע פליגלען אוף אייביג אונ ער זאל אן בינדען איהר נשמה אן דעם בונד פון אייביגען לעבין גאט זאל זיין איהר ארב אונ זיא זאל רוהען מיט פריד אוף איהר געלעגער אמן:

ואתנה נשמות הקדושות אונ איהר היילינע נשמות וואס מיר בעטין היינט אונ מיר זענען מתפלל פון אייערט וועגין צוא דער מאנען אייך. בעטין מיר אייך איהר זאלט אייך אויך דער מאנען אוף אונז. איהר זאלט אייך אן אונז אויך נית פארגעסין וויא מיר פאר געסין זיך נית אן אייך. איר זאלט נית פר געסין אייערע קינדער וואס איהר האט געלאזין אוף דער וועלט וואס איהר האט זייא אוף גהארעוועט מיט מאטערנעם מיט צער מיט גיוויין אונ מיט פרערין וואס איהר האט זייא גימאכטין אונ גוואגען אונ איהר האט פון זייא נית אראפ גענומען אייערע אויגין. זאלט איהר היינט אויך פון אונז נית אראפ נעמען אייערע אויגין. איהר זאלט אייך דער מאנען אוף אונז אוף אונזערע מאגען אונ אוף אונזערע קינדער. איהר זאלט אייך ערוועקין פון אייער הויכע אונ היילינע רוהע אונ איהר זאלט זיין פאר אונז גוטע מליצים פאר השם יתברך איהר זאלט בעטין פאר אונז דעם אלמעכטיגען גאט ער זאל זיך מיט אונז נית באגיין חלילה מיט דין אוף צו זוכין פון אונז זיינע חובות געיערט ער זאל זיך מיט אונז באגיין מיט חסד אונ רחמים. ער זאל אונז מוחל זיין אונזערע זינד אונ אונזערע תפלות זאלין אן גענומען ווערין. ער זאל אונז העלפין אין אונזערע נוטין (יום כפור זאל מען זאגין ער זאל אונז התמנען צו לעבין) ער זאל אונז דער לענגערין דיא יאהרין אונז אונ אונזערע מאגען אונ אונזערע קינדער אונ אונזערע ברידר אונ שוועסטער אונ אונזערע קרובים אונ אלע אונזערע גוטע פריינד. מיר זאלין נית אב געריסין ווערין פון דער וועלט אן אציים. אונזערע קינדער זאלין חלילה זיך נית הארעוועען ביי איין פרעמדע מוטער. אונ מיר זאלין אויך קיין אלמנות נית בלייבן אונ אונזערע קינדער זאלין גיט בלייבין קיין יתומים. אונזער זון זאל נית פינסטער ווערן אין מיטין

טָאג . מִיר זָאלִין נִיט ווִיסִין פון קֵיין קְלָאג אוּנ פוּן קֵיין בְּרָאךְ ׳ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלִין בַּיי אוּנְז אוֹךְ אִין גַאנְצִין זַיין עֶס זָאל פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ קֵיינֶר נִיט פֶעהְלִין . אוּנ צוּ אַלֶע אַלְמָנוֹת אוּנ יְתוֹמִים זָאל גָאט ב״ה זַיין אַפָּאטֶר אוּנ אַבַּשִׁיצֶער עֶר זָאל הֵיילִין אַלֶע צוּ בְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער . עֶר זָאל אוּנְז צוּא שִׁיקִין פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד אוּנ יוֹשֶׁר מִיר זָאלִין נִיט בַּדַארְפִין אָן רִירִין אַפֶּערְמִדִין אוּנ מִיר זָאלִין נִיט קוּמֶען צוּ שַׁאנְד וָואס דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא גִישְׁטָארְבִּין . אוּנ מִיר זָאלִין זוֹכֶה זַיין מְגַדֵּל צוּ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּא דֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זֵיי זָאלִין זַיין פְרוּם צוּ גָאט אוּנ גוּט צוּ מֶענְשִׁין . אִיהְר הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת פַאר דֶעם זְכוּת וָואס מִיר גִיבִּין צְדָקָה פוּן אַייעֶרְט וֶועגִין בֶּעט פַאר אוּנְז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ עֶר זָאל אוּנְז שְׁטַארְקִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶר צוּ גֵיין אִין אֵיין רֶעכְטֶע וֶועג מִיר זָאלִין נִיט פֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין אִין דִיא תַּאֲוֹת פוּן דֶער וֶועלְט . מִיר זָאלִין נִיט פֶערְפִיהְרְט וֶוערִין פוּן יֵצֶר הָרָע בִּזְכוּת אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב אוּנ בִּזְכוּת אוּנְזֶערֶע אִמָּהוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה . אוּנ בִּזְכוּת דִיא נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע צַדִיקִים אוּנ צִדְקָנִיּוֹת אוּנ מִיר זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּא זֶעהְן בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ תְּחִיַּית הַמֵּתִים בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן :

אַב הָרַחֲמִים שׁוֹכֵן מְרוֹמִים. בְּרַחֲמָיו הָעֲצוּמִים. הוּא יִפְקוֹד בְּרַחֲמִים. הַחֲסִידִים וְהַיְשָׁרִים וְהַתְּמִימִים. קְהִלּוֹת הַקּוֹדֶשׁ שֶׁמָּסְרוּ נַפְשָׁם עַל קְדוּשַּׁת הַשֵּׁם . הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִים בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ . מִנְּשָׁרִים קַלּוּ וּמֵאֲרָיוֹת גָּבֵרוּ. לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנָם וְחֵפֶץ צוּרָם : יִזְכְּרֵם אֱלֹהֵינוּ לְטוֹבָה. עִם שְׁאָר צַדִּיקֵי עוֹלָם. וְיִנְקוֹם לְעֵינֵינוּ נִקְמַת דַּם עֲבָדָיו הַשָּׁפוּךְ : כַּכָּתוּב

בְּתוֹרַת מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים. הַרְנִינוּ גוֹיִם עַמּוֹ כִּי דַם עֲבָדָיו יִקּוֹם. וְנָקָם יָשִׁיב לְצָרָיו וְכִפֶּר אַדְמָתוֹ עַמּוֹ: וְעַל יְדֵי עֲבָדֶיךָ הַנְּבִיאִים כָּתוּב לֵאמֹר. וְנִקֵּיתִי דָמָם לֹא נִקֵּיתִי. וַיָי שֹׁכֵן בְּצִיּוֹן: וּבְכִתְבֵי הַקֹּדֶשׁ נֶאֱמַר. לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה אֱלֹהֵיהֶם יִוָּדַע בַּגּוֹיִם לְעֵינֵינוּ נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ הַשָּׁפוּךְ: וְאוֹמֵר כִּי דוֹרֵשׁ דָּמִים אוֹתָם זָכָר לֹא שָׁכַח צַעֲקַת עֲנָוִים: וְאוֹמֵר יָדִין בַּגּוֹיִם מָלֵא גְוִיּוֹת מָחַץ רֹאשׁ עַל אֶרֶץ רַבָּה: מִנַּחַל בַּדֶּרֶךְ יִשְׁתֶּה עַל כֵּן יָרִים רֹאשׁ:

אב הָרַחֲמִים פָאטֶער דֶער בַּארְמִיגֶער וָוס רוּעֶט אִין הוֹיכֶן הִימֶל מִיט זַיינֶע שְׁטַארְקֶע דֶער בּארִימְקֵייט זָאל עֶר גִידֶענְקֶען מִיט עֶרְבַּארִימְקֵייט דִיא פְרוּמֶע אוּנ דִיא רֶעכְטְפַארְטִיגֶע דִיא הַיילִיגֶע קְהִלּוֹת וָואס זַיי הָאבִּין זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶועןְ אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם דִיא גֶעלִיבְּטֶע אוּנ דִיא זִיסֶע וֶוען זַייא הָאבִּין גִלֶעבְּט. אוּנ בַּייא זַייעֶר טוֹט זֶענֶען זַייא נִיט צוּ שֵׁיידֶעט גִוָוארִין. זַייא זֶענֶען גִיוֶועןְ גְרִינְגֶער פוּן אָדְלֶערִין אוּנ פוּן לֵייבִּין זֶענֶען זַייא שְׁטַארְקֶער גֶוֶועןְ צוּ טָאן דֶעם ווִילִין פוּן זַייעֶר גָאט אוּנ דָאס בַּאגֶער פוּן זַייעֶר בַּשֶׁעפֶר. (יִזְכְּרֵם) אוּנְזֶער גָאט זָאל זַייא גִידֶענְקֶען צוּא גוּטֶן צוּא זַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ עֶר זָאל רֶעכֶענֶען דִיא נְקָמָה פַאר דָאס בְּלוּט פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט אִיז ווִיא עֶס שְׁטֵייט גְשְׁרִיבִּין. אִין דִיא תּוֹרָה פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ דֶער גֶעטְלִיכֶער מַאן גָאט וֶועט רֶעכֶענֶען פַאר דָאס בְּלוּט פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט אוּנ עֶר וֶועט צוּ רִיק קֶערִין נְקָמָה צוּא זַיינֶע בַּאלֵיידִיגֶער אוּנ וֶועט אִיבֶּער בֶּעטִין זַיין לַאנְד אוּנ זַיין פָאלְק. (וְעַל) אוּנ דוּרְךְ דִיא נְבִיאִים שְׁטֵייט

גישריבין איך וועל רעכענען פאר זייער בלוט איך וועל ניט שענקען אונ גאט רוהט אין ציון . (ובכתבי) אונ אין דיא היילינע שריפט שטייט גשריבין גאט וואס פארשט אלע בלוטין האט ער זיך אוף זיי אוך דער מאנט ער האט ניט פערגעסין דאס גישרייא פון דיא ערליכע . (ואומר) אונ נאך אפסוק שטייט גאט האט געוואונדערט פרעה דעם עלצטין פון דאס גרוסע לאנד מצרים אונ דיא קינדער ישראל האבין אוף גיהובין זייער קאפף :

---

## ב

### וואס מען זאל זאגין ווען מען הט יאהר צייט :

דעם טאג וואס אאשה האט יאהר צייט איז רעכט זיא זאל גיין אין בית המדרש דאווענען אונ זאל פאר אשרי ובא לציון זאגין דיא תחנה . אונ פאר דעם זאגין דיא תחנה זאל זיא געבין צדקה נאך איהר פערמעגינס . אדער צום ווייניגסטין זאל זי אב ליינין באזונדער געלד צו געבין צדקה . אונ דער נאך זאל זיא אזוי זאגין :

רבונו של עולם הער פון דער וועלט איך קום צוא פאר דיר מיט אצובראכענע הארץ אונ מיט אנידעריגע גימיט . דען היינטיגין טאג איז בייא מיר אלע יאהר אטאג פון קלאג אונ פון יאמער . דאס איז בייא מיר אפינסטערער אביטערער אונ איין אונגליקליכער טאג . מיין קרוין פון מיין קאפף איז בייא מיר דיזען טאג אראב געפאהלין . דיזען טאג איז בייא מיר גישטארבין מיין (פב"פ) וואס הייסט מיט דעם נאמן (פב"פ) דרום איז דאס ביי מיר אטאג פון בראך אונ אלע יאהר טרויער איך אין דעם טאג . אלע יאהר ווען עס קומט דער טאג דערמאנט ער מיך מיין בראך אונ באנייעט מיר מיין קלאג אונ איך קען מיך ניט טרייסטין . איך בין חלילה ניט מתרעם אוף דיינע מעשים . אונ איך בין מקבל באהבה . דען הוא ביסט אגאט פון חסד אונ פון רחמים אונ וואס

# תחנה פון איין יאהר צייט

רוא האסט גיטאן מסתמא בדארף אזו צו זיין אונ אזו איז גוט. אונ איך גלויב אין דיר גאט ב"ה אז וואס דוא טוסט איז אלס לטובה. נאר איך דער מאן מיך היינטיגין טאג אויף מיינע בייזע מעשים וואס איך בין אזו זינדיג אונ בין ניט ווערט אז מיין (פב"פ) זאל לעבין. איך דער מאן מיך אז היינטיגין טאג איז מיין מזל פינסטער. אונ מיין הארץ ציטערט מיין מזל זאל חלילה ווייטער ניט זיין שלעכט. דרום פליסין פון מיינע אוגין טרערין צוא בעטין פון דיר גאט ברוך הוא דוא זאלסט ערוועקין אין מיר דיינע רחמנות היינטיגין טאג צוא פאר בעסערין. אונ דער הייבין מיין מזל עס זאל מיך ווייטער מער קיין בראך אונ קיין קלאג ניט טרעפן. אין מיין הויז זאל מער קיין בלוט ניט פערגאסין ווערין. קיינער זאל ביי מיר ניט אב גערסין ווערין. אין מיין גאנצע פאמיליע זאל מער קיין אונגליק ניט גישעהן. דוא זאלסט דיין השגחה פון מיר ניט אראב נעמן צוא גוטען. אונ אזו אביטערער אונ אפינסטערער אונ איין אונגליקליכער טאג זאל מיך ניט טרעפין אונ איך זאל שון מער אזו אקלאג ניט האבין. ושמע קולי) הער צוא רבונו של עולם מיין וויינענדיגען שטים אונ זעה מיינע טרערין אונ מיין צוא ברעכענע הארץ. אונ ערפיהל מיין גיבעט. דוא שלאגסט אונ דוא היילסט. דוא האסט מיך היינטיגען טאג צוא בראכין אונ דוא קענסט מיך טרייסטין דען איך האף נאר צוא דיר אונ צוא דיינע גרויסע ערבארימקייט וואס דוא הערסט דעם שטים פון גיבעט. זאלסט אויף מיר דערוועקען דעם זכות פון דיא היילינע נשמה פון מיין (פלוני) וואס איז אין דעם דאזיגען טאג גישטארבין. אונ דער זכות פון זיינע גוטע מעשים זאל מיר ביא שטיין היינטיגין טאג אונ אלע טאג אמן:

גם אני תפלה אוך קום איך בעטין פאר דיר השם יתברך אונ פערגים מיין הארץ דו זאלסט מעורר זיין דיינע ערבארימקייט צו דער מאנען דיא נשמה פון מיין (פלוני) ווס איז אין דיזען טאג גישטארבין. דוא זאלסט דיא נשמה מעלה זיין אויף ברייננגען אויף ארויכע מדריגה זיא זאל זיין אונטער דיין היילינען כסא הכבוד זיא זאל לייכטען אונ שיינען וויא דיא שיין פון הימעל. דיא נשמה זאל האבין איין ארט צווישן דיא היילינע

נְשָׁמוֹת פון דיא אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק אונ יַעֲקֹב אונ דיא אִמָהוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה אונ צְווישֶׁן דיא הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת פון אַלֶע צַדִיקִים אונ צִדְקָנִיוֹת. אונ זיא זָאל זַיין אָן גֶעבּוּנְדֶין אָן דֶעם בּוּנְד פון אַייבִּיגִין לֶעבִּין. דוּא זָאלְסְט מְכַפֵּר זַיין אַלְס וָואס זיא הָאט גִיזִינְדִיגְט אונ זָאלְסְט נָאךְ דֶערְמָאנֶען אִיהְרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים. אונ דֶער זְכוּת פון דיא צְדָקָה וָואס אִיךְ גִיבּ הַיינְטִיגִין טָאג זָאל בַּייא שְׁטֵיין דיא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה זיא זָאל דֶער הוֹבִּין וֶוערִין הֶעכֶער אונ הֶעכֶער. אונ זָאל זִיךְ ווידֶער קֶערִין צוּם לֶעבִּין אִין תְּחִיַית הַמֵתִים וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן:

זֹאת נְשָׁמָה קְדוֹשָׁה וּטְהוֹרָה. אונ דוּא הֵיילִיגֶע אונ רֵיינֶע נְשָׁמָה וָואס אִיךְ טוּא הַיינְטִיגֶען טָאג בֶּעטִין פון דֵיינֶעט וֶועגִין. דָאס גְלַייכִין זָאלְסְטוּ פון מַיינֶעט וֶועגִין אוֹךְ תְּפִלָה טָאן אונ בֶּעטִין הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. דוּא זָאלְסְט פון מַיינֶעט וֶועגִין זַיין אַגוּטֶער מֵלִיץ צוּ דֶער הוֹיבִּין מַיין מַזָל אונ דֶעם מַזָל פון מַיין מַאן אונ מַיינֶע קִינְדֶער צוּא דֶער לֶענְגֶערֶען אוּנְזֶערֶע יָאהְרִין צוּ לַייטְזֶעלִיגֶען אוּנְז מִיט גִיזוּנְד. מִיט פַּרְנָסָה. מִיט כָּבוֹד אונ מִיט נַחַת. מִיר זָאלִין זַיין פֶּערְהִיט פון קְרַאנְקְהֵייטִין פון שְׁלֶעכְטֶע אִיבֶּערְגַאנְגֶען פון טוֹט אָן אַצַייט רַחֲמָנָא לִיצְלַן. פון אַלֶע אוּמְגְלִיקִין. דוּ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וִויא דוּא בִּיסְט צוּא מִיר גִיוֶועזֶן טְרַאיי פַאר דַיין לֶעבִּין זָאלְסְטוּ אַזוֹי צוּא מִיר זַיין טְרַאיי אִיצְט אוֹיךְ אונ נִיט פַאר גֶעסֶען זִיךְ אָן מִיר אונ אוֹף אַלֶע וָואס זַיינֶען אָנְגֶהאנְגֶען אונ גִיהֶערִין צוּא מִיר. בִּזְכוּת דיא צְדָקָה וָואס אִיךְ גִיבּ פון דַיינֶעט וֶועגִין בִּזְכוּת דיא תְּפִלוֹת וָואס אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל אונ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּא דֶער לֶעבִּין דיא צַייט וֶוען דוּא וֶועסְט אוֹף שְׁטֵיין תְּחִיַית הַמֵתִים אִין גִיכִין אָמֵן:

ג

אַתְּחִנָה פַאר אַכַּלָה אַיְתוֹמָה צוּ זָאגִין אִין דֶעם טָאג פון אִיהְר חוּפָּה. זִי זָאל דַאוְונֶען מִנְחָה אונ זָאגִין עַל חֵטְא אונ נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאל זיא זָאגִין דיא תְּחִנָה:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער פון דֶער וֶועלְט אִיךְ קוּם צוּ פַר דִיר מִיט אַצוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ מִיט גִיוַויין אונ מִיט גִיבֶּעט דוּא זָאלְסְט צוּא נֶעמֶען מַיינֶע

ביטערע טרערין פאר אקרבן דען היינטיגען טאג איז ביי מיר איום הדין
היינט ווער איך גמשפט צוא גליק אדער צוא אונגליק חלילה . מיין
גאנצער לעבין צוא גליק צוא אונגליק ווענדעט זיך אן היינטיגען טאג .
דער יום הדין פון ראש השנה אונ יום כפור איז נאר אוף איין יאהר .
אונ דער דאזיגער יום הדין וואס איז היינט בייא מיר איז איום הדין אוף
מיין גאנצען לעבין . דרום בין איך זייער ערשראקען אונ פערציטערט דען
איך ווייס דאס איך האב נים מיט וואס צוא קומען צום יום הדין .
איך בין אזו פיל זינדיג אז איך בין ניט ווערט דאס עלטערין זאלין מיך
פירין אונטער דער חופה . איך בין אפינסטערע אונ אביטערע יתומה .
וויי איז מיר אונ ביטער איז מיר אז מיינע עלטערין געפינען זיך ניט אוף
מיין חתונה . וואס קען עס מיר זיין פאר א שמחה אז מיין פב"פ איז ניטא
בייא מיין חופה . יעצט היינטיגען טאג פיל איך ערסט דאס איך בין
עלענד . ווען איך וואלט האבין זכות ווען איך וואלט ווערט זיין וואלטין
מיינע עלטערין בייא מיר דיזען טאג מקיים זיין דאס וואס אין אונזער
הייליגע תורה שטייט (ואת בתי נתתי לאיש) . דאס טייטש איך האב מיין
טאכטער גיגעבין צו א מאן . אבער וויל מיינע זינד זיינען גרוים אונ פיל .
בין איך דאס ניט ווערט . אונ זיא זענען פריער פון מיר אב גענומען
געווארן . אונ איך בין גבליבען אי' עלינדע יתומה אין דער ברייטער אונ
גרויסער וועלט . על כן דרום בעט איך דיך גאט ב"ה דוא זאלסט מיר זיין
א פאטער אנשטאט מיינע עלטערין 'ען דוא ביסט דער פאטער פון יתומים .
(כרחם אב על בנים) אזו וויא א פאטער ערבארימט זיך איבער קינדער
אזו זאלסטו אוף מיר אוך ערבארימען זיך היינטיגען טאג . מיט דיין רעכטע
האנד זאלסטו מיך פירין אונטער דן חופה . אונ זאלסט מיך פירין צוא
גליק צוא הצלחה צוא נחת צו אזיווג ון אריכות ימים . ניט צו אונגליק
חלילה . זאלסט מיר מוחל זיין אלע מיינע זינד . דען איך האב נאר צוא
האפין צו דיר . אויסער דיך רבש"ע הא' איך מיך ניט צוא ווענדען צוא
ווענדען . ווען איך בין אליין ניט ווערט זאלסטו מיר היינטיגען טאג דער
מאנען דעם זכות פון מיין גישטארבענען (פב"פ) דער זכות פון דיא גוטע
מעשים וואס ער (אדער, זיא) האט גיטאן אין גאנצין לעבין . דער זכות פון
דיא הייליגע נשמה זאל מיר בייא שטיין אז מאהל אונ בפרט היינטיגען

טָאג פוּן מַיין יוֹם הַדִין. דוּא זָאלְסְט עֶפְּעֶנֶען פַאר מִיר דַיינֶע טוֹיעֶרין פוּן רַחֲמִים. אוּנ מַיין חוּפָּה זָאל זַיין צוּא אֵייבִּיגֶען גְלִיק. עֶס זָאל בּוואוּסְט זַיין דָאס דוּא בִּיסְט אַפָּאטֶער פוּן יְתוֹמִים. אוּנ דוּא זָארְגְסְט פוּן זַייעֶרְט וֶועגִין. אוּנ אִיךְ וֶועל אִין מַיין גַאנְצִין לֶעבִּין לוֹבִּין אוּנ דַאנְקִין צוּא דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אוּנ זָאלְסְט אוֹיךְ דֶער מָאנֶען הַיינְטִיגֶען טָאג דִיא נְשָׁמָה פוּן מַיין (פב"פ) צוּ דֶער הוֹבִין זַייא צְווִישִׁין דִיא נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וְצִדְקָנִיוֹת אָמֵן:

אוּנ דוּא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּן מַיין (פב"פ) אִיךְ בֶּעט דִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט דָאס דוּא זָאלְסְט זַיין בַּייא מַיין חוּפָּה לֶעבֶּעדִיגֶער הֵייד. זָאלְסְטוּ זִיךְ תָּאמְשִׁי אִיצְט גֶעפִינֶען בַּיי מַיין חוּפָּה. דַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה זָאל שְׁטֵיין בַּייא מַיין רֶעכְטֶע הַאנְד אוּנ זָאלְסְט מִיךְ בַּגְלֵייטִין אוּנְטֶער דֶער חוּפָּה. דוּא זָאלְסְט זִיךְ הַיינְט עֶרְוֶועקִין פוּן דַיין וִוילִיגֶען רוּהוּנְג אוּנ זָאלְסְט זִיךְ דֶער מָאנֶען אָן מִיר דַיין טָאכְטֶער דִי אוּנְגְלִיקְלִיכֶע אוּנ קְלָאגֶענְדִיגֶע יְתוֹמָה וָואס דוּא הָאסְט אִיבֶּער גִילָאזְט אוֹף דֶער וֶועלְט. דוּא זָאלְסְט פוּן מַיינֶעט וֶועגִין מִתְפַּלֵל זַיין צוּ הקב"ה דָאס עֶר אַל זַיין מַיין פָאטֶער עֶר זָאל מִיךְ בַּשִׁיצִין עֶר זָאל זִיךְ אוֹיף מִיר דֶער בַּרִימֶען. עֶר זָאל מִיךְ פִירִין צוּם אֵייבִּיגֶען גְלִיק הַיינְטִיגֶען טָאג. אוּנ זָאלְסְט מִיר זַיין מַיין גַאנְצֶען לֶעבִּין. (עוּרִי נָא הִתְעוֹרְרִי נָא) עֶרְוֶועק זִיךְ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה צוּא בֶּעטִין פוּן מַיינֶעט וֶועגִין צוּא עֶרְוֶועקִין אוֹיף מִיר זְכוּת הַנִשְׁמָתֶען טָאג פוּן מַיין יוֹם הַדִין. אִיךְ זָאל הַיינְטִיגֶען טָאג חָלִילָה נִיט אוּמְגְלִיקְלִיךְ וֶוערִין. דִיא זוּן אוּנ דִיא שַׁיין פוּן מַיין לֶעבִּין טָאג. זָאל זִיא מִיר שַׁיינֶען לוֹיטֶער אוּנ לִיכְטִיג מַיין גַאנְצֶען לֶעבִּין. אוּנ מַיין לֶעבִּין זָאל חָלִילָה נִיט זַיין פֶערְפִינְסְטֶערְט אוּנ פֶערְוָואלְקִינְט. בְּרֶענְג מַיינֶע טְרֶערִין צוּא גָאט ב"ה אוּנ זָאג דָאס אִיז דֶער קָרְבָּן פוּן מַיין טָאכְטֶער דִיא יְתוֹמָה. צוּ פַאר גֶעבִּין אִידְרֶע זִינְד צוּא דֶער הוֹיכִין אִיר מַזָל צוּ גְלִיקִין אִיהְר זִיווּג מִיט עוֹשֶׁר אוּנ כָּבוֹד אוּנ אֲרִיכוּת יָמִים אָמֵן: